# צווישען ביענען.

בּרידער!
לעגט די ארבּייט פאר א ווײַלינקע אנידער
און הערט אויס א שעהנע מעשה־היה,
איך פערזיכער אייך, איהר'ט האָבּען גרויס הנאה.
ס'ווערט דערצעהלט,
אז די מענשען, אָט די פּאַראַזיטען,
וואָס מיר מוזען זיך פאר זיי כּסדר היטען,
ווייל זיי האָבּען זיך מיט אונזער פּראַצע דאָ צוטהיילט,
נעהמען צו פון אונז די וואקס און האָניג,
איז אָט דיעזע שעהנע לייט,
האָבּען אַזאַ מאָדע שוין א לאַנגע צייט,
אַז אין א געוויסען טאָג,
זיצען זיי אין טרויער און אין קלאָג,
מורמלען עפּעס כּסדר אומעדיג, איין־טאָניג,
ריידענדיג צו'ם הימעל ווייכינקע דבורים,
(דוכט זיך אז דער טאָג הייסט „יום כּפּורים"!)
ווען איעדערער וויל אויסבּעטען א גליקליך יאָהר,
און עס פיהרט זיך שוין אַזוי פון דור צו דור,
אז אָט דאַמאָלס, אָדער מיט א טאָג אפריהער,
בּעטען זיי זיך איינע ד'אַנדערע מחילה,
ס'הייסט די גאַנצע קהלה,
שליסט א שלום צווישען זיך, א פריעדען.
אַלזאָ, האָט פּאַסירט אמאָל, אז אימיצער, א בּיען־ערציהער,
איינער פון אָט יענער חברה רויבּער,
גאָר א פרומער כּלמרשט און א גלויבּער,
וועלכער זינדיגט אגב יעדען טאָג פערשיעדען,
האָט אין בּינשטאָק אויסגערעדט זיין הארץ,
עפּעס פאר א פריינד וואָס איז מיט איהם געקומען,
(מן הסתם די וואקס אויף ליכט, דאָרט האָבען זיי גענומען.)
און עס האָבּען אַלע בּיענען ערשט דערזעהען דאָן ווי שווארץ
עס איז אונזער וועלט.
אָט איז וואָס ער האָט געזאָגט
און דאָבּיי געקוועלט:
„ווייסטו! אָט דאָס איבּערבּעטען זיך מיט שונאים
האָט קיין פּנים,
מ'רעדט דאָך כּלמרשט זיס, מען ווינשט זיך לעבּען,
מ'בּעט פערגעבּען,
דוכט זיך מ'האָט די גאַנצע שנאה שוין פעריאָגט,
אבּער שטילערהייט
מאַכט מען זיך דעם טוידט,
און מען רוקט זיך מעסערס אין די זייטען
גאָר ווי אין די אַלטע צייטען."

מיר, די בּיענען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסזויגען א מוסר־השכל, א מאָראַל,
אַז אָבוואָהל מיר מוזען פאר דעם מענשען האָניג פּראָדוצירען,
מעג מען איהם אויך גיפטיג בּייסען, ר'זאָל א וועהטאָג שפּירען.